בס״ד

# כפרות-שלאָגען בחנם

אין שו״ע (סי׳ תר״ה) זאָגט דער רמ״א ונהגו ליתן הכפרות לעניים או לפדותן בממון שנותנין לעניים.

עס איז איינגעפירט געוואָרען, לפני כמה שנים, ביי אונזער עיר ואם בישראל, אַז מען שענקט אַוועק די כפרות פאַר פאַרשידענע צדקה צוועקען ומוסדות החסד – דורך דעם וואָס דער קונה באַצאָלט פאַר׳ן עוף און פטור אַן עסק, ער גייט זיך אַ היים צופרידען אַז ער האָט יוצא געווען זיינס און אַז דער בוטשער וועט שוין טוהן דאָס איבריגע.

עס זענען ליידער דאָ פאַרשידענע אומאַנגענעמליכע ענינים וואָס קומען פאָר אויך ביי די כפרות וואָס מען שלאָגט ביי עשרת ימי תשובה. אָבער וואָס עס קומט פאָר ערב יו״כ איז ממש אומדערטרעגליך: עס זענען פאַרהאַנען געוויסע בוטשערס וואָס זענען מודיע פאַר עטליכע צדקה מוסדות אַז זיי קענען נעמען כפרות און זיך אַליין אַן עצה געבען מיט׳ן פליקען און כשר מאַכען ווייל „מיר האָבען נישט קיין צייט זיך צו באַדערען דערמיט״, (כידוע איז דער חיוב אויפ׳ן בוטשער דאָס צו טוהן און פאַר דעם **באַצאָלען מיר דעם פרייז**).

אויב עס איז נישטאָה קיין מוסד וואָס קען זיך פראַווען דערמיט גייט דאָס לליידער **גראָד אין מיסט רח״ל**. יאָ! דאָס איז אַ פאַקט, לליידער. און עס פעלט נישט אויס דאָ פורט בשמם צו זיין. מיר האָבען נאָר איין קשיא, אויף דעם באַצאָלען מיר $7 אָדער מעהר? אַז אונזערע כפרות זאָללען אָנקומען אין מיסט און מיר זאָללען נישטאַמאָל יוצא זיין מצות כפרות? איז דאָס יושר׳דיג אַזוי צו טוהן מיט אונז איין טאָג פאַר׳ן יוה״כ?

מיר דאַרפן אַלע זיך נאָכפרעגען און פאָרשטן ביים בוטשער צו ער מאַכט דאָס כשר און ווי עס קומט אָהן פינקטליך – בשבע חקירות אפילו ווי אַ גרויסער ערליכער איד דער בוטשער איז.

אין זכות פון מקיים זיין די מצוה כתיקונה זאָללען מיר געהאָלפען ווערען מיט אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ שנת גאולה וישועה במהרה.

בהוקרה

התאחדות תלמידי רבה״ק זי״ע